# א גריס פון
# בית פיגא

## מעשיות פון תפילה

יום טוב פסח

י"ד ניסן תשפ"א

יאר 1 גליון 19

### פרי 1 עי - אדי קרויס

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז אונז זאלן זיין פאר א גאנץ יום טוב פסח אין שטעטל, און ש'כח אייבערשטער אז אונז גייען אי"ה זיין אין שטעטל!



### ערשטע קלאס - חמי זעליקאוויטש

איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז מיין שוועסטער אסתר פראדי זאל ווערן א כלה, און ש'כח אייבערשטער אז זי איז געווארן א כלה לעצטע וואך!



### צווייטע קלאס - עליזה מזרחי

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז אונז זאלן האבן טשיז סנעקס לכבוד פסח, עס איז אריבער נאך א טאג און נאך א טאג, און איך אונז האבן נאך אלס נישט געהאט, אבער איך האב ווייטער געבעטן די אייבערשטער, און ש'כח אייבערשטער מיין טאטע האט געקויפט די וואך אסאך טשיז סנעקס!




### פערדע קלאס - עטי ראטה

איך האב זייער שטארק געוואלט גיין פסח צו מיין באבע'ס הויז, אבער מיין מאמע האט געזאגט אז אונז גייען נישט גיין, איך האב אבער געבעטן די אייבערשטער אז אונז זאלן יא גיין, און ש'כח אייבערשטער אונז גייען אי"ה גיין!



### עלטסטע קלאס - רחל וועבערמאן

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען אויפשטיין פרי, און העלפן מיין מאמע און ש'כח אייבערשטער איך בין אויפגעשטאנען פרי!



### בית פיגא ליבערטי - חי'לע וועבערמאן

איין צופרי ווען איך האב אויפגעשטאנען האט מיין אויער וויי געטון, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל מער נישט וויי טון, שפעטער בין איך געפארן צו מאנרא, און ש'כח אייבערשטער ווען איך בין צוריקגעקומען האט עס מער נישט וויי געטון, ש'כח אייבערשטער!



# אבריוו פון דער ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך

**... תחי׳.**

מיידלעך דארפן אכטונג געבן זיך נישט צו פירן אויפפאלנד; אויב מיידלעך ווילן עוסק זיין אין מקרב זיין אנדערע מיידלעך אדער פרויען - דארף דאס זיין איידל און באשיידן. אונזערע תלמידות פון בית פיגא פארשפרייטן צווישן פרויען און מיידליך דעם רבינ׳ס עצות, אבער דאס גייט אויף זייער אן איידעלע וועג; נישט מיט קיין רעש, נישט מיט קיין שטורעם; די שענסטע זאך ביי מיידלעך איז זיין איידל און באשיידן.

פרייטאג צו נאכטס נאך די סעודה איז נישט א צייט פון גיין אין גאס, עס שטייט אין פסוק (תהלים מה, יד): ״כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ, פְּנִימָה״, דאס שיינקייט פון א אידישע טאכטער איז צו זיין אין שטוב; אודאי דארף מען גיין אין גאס ערלעדיגן זאכן, מען דארף איינקויפן וכו׳, אבער סתם ארויס גיין שפאצירן - ברענגט נאר פראבלעמען.

וואס דארפט איר מער פון דעם וואס מען זעט ביי די מעשה אין די תורה אז שכם האט פארכאפט דינה - יעקב אבינו׳ס טאכטער, ער האט איר געפייניגט וכו׳; אלעס האט זיך אנגעפאנגען ווייל זי איז ארויס שפאצירן אין די גאסן, אזוי ווי עס שטייט (בראשית לד, א): ״וַתֵּצֵא דִּינָה לִרְאוֹת בִּבְנוֹת הָאָרֶץ״, דינה איז ארויסגעגאנגען שפאצירן; דורך דעם איז געשען די ביטערע מעשה.

געט איבער פאר אלע תלמידות זיי זאלן זיך פירן איידל, מיט דרך ארץ, זיי זאלן זיך פירן מיט דרך ארץ צו די לערערינס און צו די מנהלת; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן סט): ״מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע״, ווער עס האט ליב דעם צדיק דארף אכטונג געבן עס זאל נישט ארויס גיין א שלעכטע נאמען אויפ׳ן צדיק.

פרייטאג צו נאכטס אויב מען איז נאך נישט מיד זאל מען נעמען דעם תהילים און זאגן קאפיטלעך תהילים; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק ב׳, סימן עג): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וכו׳״, ווער עס זאגט תהילים וועט זוכה זיין תשובה צו טון און ווערן אן ערליכער איד; תשובה איז נישט פאסטן און תשובה איז נישט סיגופים, תשובה איז צוריק קומען צום אייבערשטן; תשובה איז צו זאגן פאר׳ן אייבערשטן: **״רבונו של עולם! איך הייב אן פון יעצט צו זיין אן ערליכער איד, איך הייב אן פון היינט זיין צו דיר געטריי. העלף מיר אייבערשטער איך זאל האבן כח זיך צו שטארקן אויף מיין יצר הרע״.**

אויב מען וויל זיך אביסל אויסלופטערן קען מען גיין צו א חברט׳ע, פארשטייט זיך נאר חבר׳טעס וואס רעדן שיינע זאכן; מען קען זיך אינאיינעם מחזק זיין מיט די שיינע עצות פון רבי׳ן, אבער נישט זיך דרייען אין גאס. אזוי אויך א גאנצע וואך ביינאכט איז נישט קיין צייט פון גיין אין גאס.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# רעסעפּי

Pineapple sherbet



**1 pineapple** (cut into chunks)

**5 eggs**

**½ c oil**

**2 tsp. vanilla sugar** (optional)

**½ c sugar**

Blend pineapple with rest of ingredients until smooth. Place into containers and freeze. When halfway frozen blend again. Refreeze.

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!

## ספר המדות ווינקל

אות בית

א. בַּיִת שֶׁאֵין דָּרִין בּוֹ - יִזָּהֵר מִלְּהִכָּנֵס בְּתוֹכוֹ כִּי הוּא מְקוֹם שֵׁדִים.

אין א הויז וואס מען וואוינט נישט דארט זאל מען נישט אריינגיין ווייל עס איז א פלאץ פון שדים.

ט. כָּל בַּיִת שֶׁנִּשְׁמָעִין בּוֹ דִּבְרֵי-תוֹרָה שׁוּב אֵינוֹ נֶחֱרַב.

א הויז אין וואס מען לערנט תורה וועט נישט חרוב ווערן.

**א כשרע פריילעכע פסח!**



זמן שבת: 7:00

זמן מוציו"ט: 8:30

**קוואל פון חיזוק**

212-444-9169

האב נישט מורא...

הערט א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א

2,3,3,108

# נייעס אין בית פיגא

~אין בית פיגא וויליאמסבורג און אין בית פיגא שטעטל גרייט מען זיך פרייליכערהייט פאר פסח, די וואך האבן די מיידלעך געמאכט פסח'דיג זייער קלאס, כדי עס זאל נישט זיין קיין חמץ אין סקול.

אלע מיידלעך האבן געמאכט הערליך שיינע הגדות לכבוד פסח, מען האט עס שיין באצירט, און געלערנט פון די הייליגע יום טוב פסח.

~ אין שטעטל איז שוין ב"ה געווארן שיינע ווארעמע וועטערס, און מען קען שוין ארויסגיין אויף די גאס זיך שפילן, שיין באחדות'דיג.

~מזל טוב! לאה'לע, פייגי, אדי, און יוטי שטראססער זענען געווארן א מומע די וואך!

# פון אונזערע לערערינס...

*לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'*

אונז האלטן יעצט וויינציגער ווי 2 וואכן פאר די הייליגע יום טוב פסח, די יום טוב וואס מיר דאנקען דעם אייבערשטער אז ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים. דאס איז נישט סתם א מעשה וואס איז געשען לאנג צוריק, נאר די ניסים וואס מיר דערציילן פענען געשען צו אונז אלע, סיי דעמאלטס אין מצרים, ווייל אלע אונזערע נשמות פענען דארט געווען, און אויך היינט דאנקען מיר דער אייבערשטער אז ער האט אונז ארויסגענומען פון אונטער פרעה'ס הענט.

ווער איז פרעה? פה רע א שלעכטע מויל, שלעכטע מענטשן וואס רעדן נישט שיין, און רעדן איין צו קוקן און טון נישט ערליכע זאכן, דעס איז גלות מצרים פון היינט. אפילו מענטשן פענען ליידער פארקנעכטיגט פאר פרעה, פאר יצר הרע, און דאס איז יום טוב פסח, מיר הייבן אן פון יעצט ארויסצוגיין פון מצרים. מיר בעטן דעם אייבערשטער אז מיר זאלן זיין אפגעהיטן פון פרעה, מיר זאלן נישט קוקן, הערן, טון, אדער רעדן שלעכטע זאכן, נאר מיר זאלן ניצן אונזער מויל נאר צו רעדן צו דער אייבערשטער, וואס דאס איז "פסח" פה סח די מויל זאל שמועסן מיט דער אייבערשטער און יעדע זאך וואס מען דארף זאל מען בעטן נאר דעם אייבערשטן און רעדן נאר שיינע זאכן, געבן קאמפלימענטס פאר אנדערע מיידלעך, און ווייזן א שמייכל פאר יעדן, אפילו ווען איך בין נישט עכט אין די גוטסטע. און אויב איינער הייבט אן צו רעדן נישט איידל, און וויל טון נישט איידעלע זאכן ווייס איך גלייך אז דאס איז א שליח פון פרעה און מען דארף אנטלויפן ווי שנעלער.

פאר פסח איז די בעסטע צייט אנצוהייבן מיט א פרישקייט צו העלפן אינדערהיים מיט שמחה. קיינער קען נישט זאגן, "מיין מאמע דארף נישט מיין הילף" עס איז דא געניג וואס צו טון אויב מען וויל נאר. אוודאי זאלסטו נישט איינטיילן פאר דיין מאמע וועלכע ארבעט דיר צו געבן, נאר וואס פי בעט דיר זאלסטו טון אפילו עס איז נישט די געשמאקסטע צו טון, טו עס מיט א שמחה. און געדענק אז פונקט וויאזוי דו פירסט זיך יעצט אויף אינדערהיים, אזוי וועלן דיינע קינדער זיך פירן צו דיך. אויב דו העלפסט מיט א שמייכל, און דו ווארטסט נישט דיין מאמע זאל דיך הייסן וואס צו טון, נאר דו העלפסט מיט וואס דו זעסט עס פעלט אויס, וועלן דיינע קינדער זיך אויך אזוי אויפירן. דאס איז וואס יעדע מאמע וויל, און דאס וועסטו צוריק באקומען פון דיינע קינדער.

אויב ח"ו א מיידל בלאפט אינדערהיים, אדער ווייל פי מיינט אז פי האט שוין געהאלפן צו אסאך (עס איז נישט דא אזא זאך ווי 'צו סאך העלפן' ווייל ווען די וועסט זיין א מאמע וועסטו מוזן "העלפן" דיך אליין און קיינער וועט דיך נישט זאגן יישר כח, און וועסט נישט קענען זאגן, "איך האב שוין געניג געטון, יעצט וויל איך מער נישט אויפרוימען / קאכן) אדער פי וויל נישט העלפן ווייל איר מאמע האט איר אנגעשריגן און יעצט בלאפט פי ווען דעם, וועט פי עס צוריקבאקומען ביי אירע קינדער ח"ו.

געדענק: יעצט איז די צייט צו פראקטיצירן פאר נאך די חתונה. די מיידלעך וואס פענען נישט פויל, און פיי העלפן אסאך פייערע מאמעס, די מיידלעך ווערן נישט פארלוירן א טאג נאך שבע ברכות ווען פיי דארפן וואשן וועש, אויפרוימען א קאך, אדער קאכן א נאכטמאל. און די מיידלעך וואס לויפן ארום אים אלע געשעפטן, און פוכן וואו פיי קענען פארברענגען אבי נישט צו דארפן העלפן די מאמע פיי קענען זיך נישט קיין עצה געבן נאך די חתונה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פוכה זיין צו האבן א כשר'ע און פרייליכע יום טוב פסח. איינמאל האט די הייליגע ר' נתן נישט געהאט אויף פסח צו מאכן, עס איז שוין געווען גלייך פאר יום טוב און די הויז איז נאך געווען ליידיג. פיין טאכטער האט זיך פייער געזארגט און געפרעגט איר טאטע, "וואס וועט דא זיין? וואס וועלן מיר עסן פסח?" האט ר' נתן געענטפערט אז ער איז בכלל נישט באזארגט, "אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען די פסח אליין"?

וואס מיינט דאס? אין יעדע שטוב גרייט מען זיך און מען ארבעט שווער ארייצוברענגען די יום טוב פסח, און מיטן אייבערשטנס הילף וועט יעדער האבן א שיינע הויז מיט פיינע עסן אויף פסח. אבער בשעת מיר קלינען און קאכן, לאמיר בעטן דער אייבערשטער מיר זאלן פוכה זיין אויך צו די "פסח פה סח" אז מיר זאלן אנהייבן רעדן צו דער אייבערשטער און אים דערציילן יעדע זאך. דאס איז די וועג וויאזוי מען קען ארויסגיין פון די איצטיגע גלות, ווייל ווען מען רעדט צו דער אייבערשטער ווערט מען אן אויסגעלייזטע מענטש!

א כשר'ן און פרייליכן יום טוב פה סח!

מיט ליבשאפט,

# מעשיות
# לכבוד פסח









# "ונצעק! ונצעק! ונצעק!"

מוהרא"ש האט דערציילט א מעשה, אז אמאל אין די צייטן פון די הייליגע בעל שם טוב איז געווען א איד וואס האט נישט געהאט קיין געלט אויף פסח. זיין ווייב האט געהאט א שטארקע אמונת צדיקים און זי האט אים געגעבן א גוטע עצה, זי האט אים געזאגט אז ער זאל פארן צו די בעל שם טוב אים בעטן א ברכה אז זיי זאלן האבן געלט אויף פסח. אבער איר מאן האט נישט געהאט קיין אמונת חכמים, ער האט נישט געגלייבט אין צדיקים און ער האט נישט געוואלט גיין.

עס איז שוין געווארן נענטער און נענטער צו פסח, און ער האט נאך אלס נישט געוויסט פון וואו ער וועט האבן געלט צו קויפן מצות און וויין און אלעס וואס מען דארף פאר יום טוב, האט ער געזען אז ער האט נישט קיין אנדערע עצה, ער וועט מוזן גיין צו די בעל שם טוב.

אזוי האט ער טאקע געטון, ער האט געדינגען א וואגן מיט א בעל עגלה און ער איז געפארן צו די הייליגע בעל שם טוב. ווען עס איז ענדליך אנגעקומען זיין געלעגנהייט אריינצוגיין צום צדיק, האט ער דערציילט פארן בעל שם טוב אז ער האט נישט קיין געלט פאר יום טוב און ער ווייסט נישט וואס צו טון. האט אים דער בעל שם טוב געזאגט אז ער זאל גיין בארגן אסאך געלט און איינקויפן אלעס וואס ער דארף לכבוד יום טוב. ער זאל איינקויפן גענוג און נאך און קאכן פיינע געשמאקע סעודות לכבוד די הייליגע יום טוב!

און דער בעל שם טוב זאגט אים ווייטער, "און ווען דו וועסט זאגן די הגדה און דו וועסט אנקומען צו די ווערטער 'ונצעק אל ה'', (וואס מיינט שרייען צו דער אייבערשטער) זאלסטו זיך דארט אפשטעלן, און דו מיט דיין ווייב זאלן שרייען צום אייבערשטן און נישט אויפהערן צו בעטן דער אייבערשטער זאל ענק העלפן, ביז דער אייבערשטער וועט ענק העלפן."

דער איד איז אהיימגעפארן און דערציילט פאר זיין ווייב וואס דער צדיק האט געזאגט, אבער ער האט נישט געגלייבט אין די צדיק, און עס האט אים אויסגעזען ווי א נארישע עצה צו בארגן געלט אן קיין חשבון וויאזוי צו באצאלן. אבער זיין ווייב האט יא געגלייבט, און זיי האבן טאקע אזוי געטון, געבארגט געלט און געקויפט מצות און וויין און אלעס פאר יום טוב און געמאכט א הערליכע סדר.

ווען ער איז אנגעקומען צו 'ונצעק', האבן זיי זיך דארט אפגעשטעלט און געשריגן הויך: "ונצעק אל ה'! ונצעק! ונצעק!" זיי האבן נישט אויפגעהערט צו בעטן דער אייבערשטער און צו שרייען די ווערטער נאכאמאל און נאכאמאל, ביז אלע קינדער זענען שוין איינגעשלאפן... און זיי האבן ווייטער געשריגן און געבעטן די אייבערשטער.

זיי האלטן אינמיטן שרייען און בעטן און פלוצלונג......!

איינער קלאפט! דער איד עפנט די טיר, און א גוי מיט א זאק געלט שטייט דארט און ער פארציילט אים אז ער האט יעצט גע'הרג'עט זיין ווייב, און ער מוז אנטלויפן ווייל ער האט

מורא אז איינער וועט וויסן אז ער האט געטון אזא שרעקליכע זאך! און ער זוכט א פלאץ ווי ער קען האלטן זיין געלט. דער גוי האט געהערט שרייען פון דעם איד׳ס פענסטער, האט ער געוויסט אז זיי זענען נאך אויף איז ער גלייך געלאפן צו דעם איד׳ס הויז און געבעטן דעם איד אויב ער קען האלטן זיין גאנצע פארמעגן ביז ער קומט צוריק.

אבער דער גוי איז קיינמאל נישט צוריקגעקומען אפנעמען זיין געלט, און זיי זענען געבליבן מיט אלע געלט און זיי האבן געהאט גענוג געלט פאר זייער גאנץ לעבן!

א מעשה פון תפילה! זיי האבן געבעטן דער אייבערשטער אז זיי זאלן האבן געלט אויף יום טוב און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן אז זיי האבן געהאט גענוג געלט אויף יום טוב און פאר זייער גאנץ לעבן!

דער איד האט געטראכט: ”אזא נארישע זאך הייסט מיך די רבי טון, צו בארגן געלט ווען איך ווייס נישט ווי אזוי איך וועל עס באצאלן?...” אבער זיין ווייב האט יא געפאלגט די צדיק, און אין זכות פון איר אמונת צדיקים זענען זיי געווארן געהאלפן.

אז מען פאלגט א צדיק האט מען א שיינע לעבן!



# וואס וועט מען עסן פסח?

אסתר איז געווען א אינג מיידל ביי די צווייטע וועלט מלחמה. זי איז געווען אין די לאגער צוזאמען מיט נאך טויזענטער אידישע מיידלעך, עס איז געווען שווערע ביטערע טעג. זי איז געווען א מיידל אליין, אן אירע עלטערן. די נאצי'ס ימ"ש האבן געפייניגט און דערביטערט די לעבן פון די אידישע מיידלעך, זיי האבן געארבעט זייער שווער א גאנצן טאג און די איינציגסטע עסן וואס זיי האבן באקומען איז געווען א טריקן שטיקל ברויט מיט שמוציגע וואסער וואס מען האט גערופן "זופ".

עס איז געווען זייער שווער צו בלייבן שטארק מיט אמונה אין דער אייבערשטער ווייל עס האט אויסגעזען ווי די וועלט האט זיך געענדיגט. זייער אסאך מיידלעך האבןליידער געהאט קשיות אויף דער אייבערשטער, און אפילו צווישן די ערליכע מיידלעך האט כמעט קיינער נישט אפילו פרובירט צו טון מצוות, ווייל עס איז געווען כמעט אוממעגליך צו טראכטן פון עפעס אויסער 'וויאזוי וועל איך איבערלעבן די היינטיגע טאג'?

אבער אסתר איז געווען א מיידל פול מיט אמונה און בטחון, זי האט זיך געהאלטן פעלזן פעסט און פרובירט צו זיין פרייליך, כאטש עס איז געווען אזוי שווארץ. זי האט פרובירט צו טון וויפיל מצוות זי האט געקענט, און איז אפילו געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, אבי צו קענען טון נאך א מצוה.

ווען זי האט געזען אז עס דערנענטערט זיך שוין די הייליגע יום טוב פסח, האט זי אנגעהויבן זייער שטארק צו בעטן די אייבערשטער אז גאנץ פסח זאל זי נישט דארפן עסן קיין איין ברעקל חמץ.

עס האט נישט אויסגעזען ווי א מעגליכע זאך. מען האט דאך באקומען יעדן טאג איין אויסגעקארגטע רעפטל ברויט מיט א טעלער שמוציגע זופ. וואס גייט זי עסן פאר אכט טעג פסח אויב זי עסט נישט קיין חמץ? זי וועט דאך אויסגיין פאר הונגער. אבער אסתר האט געגלייבט אז דער אייבערשטער וועט איר העלפן, און זי האט נישט אויפגעהערט צו בעטן אז זי זאל נישט דארפן עסן חמץ פסח.

עס איז שוין געווען ערב פסח, ווען א טראק פול מיט צוויקל איז אדורכגעפארן די לאגער און פלוצלינג איז איין גרויסע, זאפטיגע צוויקל אראפגעפאלן גלייך אין פארנט פון אסתר. זי האט עס שנעל אויפגעהויבן און גוט באהאלטן אין איר באראק ווי זי איז געשלאפן.

זי איז געווען איבערגליקליך, ווייל יעצט האט זי געהאט וואס צו עסן אלע אכט טעג פון פסח. בזכות וואס זי האט געבעטן די אייבערשטער און זיך פארלאזט אויף אים. זי האט טאקע געגעסן פון די איין צוויקל א גאנץ פסח!

פון די מעשה קענען מיר ארויסנעמען א מורא'דיגע חיזוק, וואס מיינט "אמונה און וואס מיינט "תפילה".

מיר זעהן אז אפילו א אינגע מיידל איז געווען אינגאנצן אליינס, אונטער די שווערסטע אומשטענדן האט זי זיך נישט אפגערעדט און ווייטער געגלייבט אז אלעס קומט פון דער אייבערשטער. זי האט אפילו געזוכט וויאזוי זי קען מקיים זיין אפילו נאר איין מצוה'לע. וויפיל מאל טרעפט זיך א מיידל אין א מצב וואס זי טראכט. 'עס איז נישט גערעכט! איך האב אזויפיל שוועריקייטן! איך קען זיך נישט ווייטער דערהאלטן און זיין פרייליך. אויב איך וואלט געהאט א לעבן ווי מיין חבר'טע האט, דעמאלטס וואלט איך זיך קיינמאל נישט אפגערעדט...' אבער אויב וועט די מיידל זיך דערמאנען פון אסתר, ווי זי צוזאמען מיט אסאך פון אונזערע באבעס האבן זיך געהאלטן אזוי פעסט מיט אמונה אפילו אין די שרעקליכסטע צייטן, וועט זי שוין זען אז אמונה איז זייער א שטארקע זאך, און ווי מער מען גלייבט אין דער אייבערשטער אלס מער פרייליך קען מען זיין, נישט קיין חילוק וואס גייט אריבער.

אסתר האט געבעטן אזוי סאך דער אייבערשטער אז זי זאל נישט דארפן עסן קיין חמץ פסח און אירע תפילות זענען געווארן אנגענומען. און אוודאי זעען מיר די כח פון תפילה! מיר קענען אויך בעטן דער אייבערשטער אז מיר זאלן קענען מקיים זיין יעדע מצוה, עסן די הייליגע מצות, טרינקען די פיר כוסות, און מיר זאלן זיך פרייען מיט יעדע מצוה און וויסן ווי חשוב עס איז ביים אייבערשטן.



# דער אייבערשטער העלפט!

דער הייליגער בעל שם טוב איז געווען אויף די וועג קיין ארץ ישראל צוזאמען מיט זיין טאכטער, די צדיקת אדל און זיין סופר ר' צבי. אינמיטן וועג האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין אינסטאנבול, ווען עס איז שוין געווען נאנט צו פסח. אין אינסטאנבאל איז געווען אן הכנסת אורחים שטיבל פאר ארימעלייט און דארטן זענען זיי איינגעשטאנען.

ווען זיי זענען ארויסגעפארן פון מעזיביז האבן זיי זיך זייער געיאגט, און גארנישט מיטגענומען פאר פסח. עס איז שוין געווען הארט פאר פסח, און זיי האבן גארנישט געהאט; נישט קיין מצות, וויין אדער פלייש - גארנישט.

דעם בעל שם טוב האט זיך בכלל נישט געזארגט, ער האט געוואוסט אז אלעס איז דער אייבערשטער, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל האבן אויף פסח, און ער האט געגלייבט אז דער אייבערשטער וועט אים זיכער העלפן, און ער איז געגאנגען אין בית המדרש לערנען און דאווענען. פאר די צדיקת אדל האט עס זייער שטארק געשטערט, זי האט זייער שטארק געוואלט האבן געלט צו איינקויפן אלע גוטע זאכן פאר פסח.

עס איז שוין געווען איין טאג פאר ערב פסח, און די צדיקת אדל האט גענומען די איינציגסטע העמד וואס זי האט געהאט פון איר טאטע דער בעל שם טוב, און געגאנגען צו די טייך עס אויסוואשן כדי איר הייליגע טאטע זאל כאטש האבן א פרישע העמד אויף יום טוב. זי איז געזעסן ביים ים און געוואשן די העמד, און אין די זעלבע צייט געוויינט צום אייבערשטער אז ער זאל מאכן א נס, און זי זאל קענען איינקויפן אלעס פאר פסח, און האבן א שיינע יום טוב.

אינצווישן איז אנגעקומען א גרויסע ווינט און ארויסגעבלאזן די איינציגסטע העמד פון איר הענט. זי האט אנגעהויבן זייער צו וויינען און בעטן די אייבערשטער: **"באשעפער, מיר זענען דא אין א פרעמדע לאנד, מארגן איז שוין פסח און מיר האבן נאכנישט קיין מצות און וויין און אנדערע גוטע זאכן אויף יום טוב! און יעצט האב איך שוין פארלוירן די לעצטע העמד אויך, הייליגע באשעפער העלף מיר!"** זי איז געווען זייער צובראכן, אבער דאך האט זי געהאט א שטארקע בטחון און געגלייבט אז זיכער וועט דער אייבערשטער מאכן א נס.

אינמיטן רעדן צום אייבערשטער איז דורך געפארן א וואגן מיט א מאן און ווייב אינעווייניג, און זיי זענען ווי א מיידל זיצט און וויינט. האבן זיי אפגעשטעלט זייער וואגן, און איר געפרעגט: "ווער ביסטו? און פארוואס וויינסטו?" האט זי געענטפערט אז זי איז א טאכטער פון די הייליגע בעל שם טוב, און זיי קענען קיינעם נישט דא און זיי האבן גארנישט אויף פסח, און זי זיצט דא און בעט דעם אייבערשטער אז ער זאל זיי העלפן.

די פארפאלק איז געווארן זייער פרייליך ווען זיי האבן געהערט אז זי איז א טאכטער פונעם בעל שם טוב, און זיי האבן איר געזאגט, "דער אייבערשטער האט אויסגעהערט דיין תפילה, מיר האבן צוגעגרייט אלע גוטע זאכן פאר יום טוב, עסן און טרינקען, נייע וועש און וואס דו ווילסט, דארפסט נאר קומען מיט אונז, און וועסט האבן א פרייליכן יום טוב!

ווער איז געווען די פארפאלק? און  פארוואס האבו זיי זיך אזוי געפרייט צו טרעפן די בעל שם טוב, און אין נאך צוגעשטעלט די גאנצע יום טוב?

זיי האבן געוואוינט אין בערלין און זיי האבן געהאט זייער אסאך געלט, גארנישט האט זיי נישט געפעלט, נאר איין זאך האבן זיי נישט געהאט; זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער. זיי האבן אמאל געהערט פון א משולח אז אין מעזיבוז איז דא א צדיק וואס ער קען העלפן מענטשן מיט וואונדערליכע ישועות. האבן זיי געטראכט אז זיי וועלן פארן צו די בעל שם טוב בעטן א ברכה.

זיי זענען ארויסגעפארן פון זייער שטאט קיין מעזיבוז ווי דער בעל שם טוב האט געוואוינט. אזויוי עס איז שוין געווען נאנט צו פסח, האבן זיי אלעס איינגעפאקט וואס זיי וועלן נאר דארפן האבן פאר פסח.

נאך א לאנגע שווערע וועג זענען זיי ענדליך אנגעקומען קיין מעזיבוז, און האבן גלייך געפרעגט וואו דער בעל שם טוב וואוינט. האט מען זיי געזאגט אז דער בעל שם טוב איז ממש יעצט ארויסגעפארן אויפן וועג קיין ארץ ישראל און מען האט זיי געוויזן די וועג וואו דער בעל שם טוב איז געפארן.

האבן זיי געטראכט אז זיי זענען שוין געקומען די לאנגע שווערע וועג ביז אהער, וועלן זיי ווייטער נאכפארן דעם בעל שם טוב און בעטן א ברכה אויף קינדער.

אזוי זענען זיי געפארן פון איין שטאט צום צווייטן. ווי זיי זענען נאר אנגעקומען האט מען זיי געזאגט אז די בעל שם טוב איז יעצט ארויסגעפארן, ביז זיי זענען

אנגעקומען קיין אינסטאנבול, און זיך דארט איינגעארדענט אויף פסח, און זיך געגרייט צום סדר.

ווען זיי זענען שוין געווען אינגאנצן גרייט פארן סדר האט זיך די פארפאלק ארויסגעלאזט אויף א שפאציר אין שטאט, אפשר וועלן זיי קענען טרעפן וואו דער בעל שם טוב געפינט זיך. ביז זיי האבן געטראפן די בעל שם טוב׳ס טאכטער ווייגען ביים ים, זענען זיי געווארן זייער פריייליך, אז זיי האבן שוין ענדליך געטראפן דעם בעל שם טוב.

ווען דער בעל שם טוב איז ארויסגעקומען פון שול, האט אים אדל אפגעווארט און געפירט מיט שמחה צו די הערליכע געדעקטע סדר. די בעל שם טוב האט זיך אפילו נישט געוואונדערט פון וואו די שפע איז פלוצלינג אנגעקומען, ביי אים איז געווען פשוט אז דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, ווייל ער האט געהאט אזא שטארקע בטחון.

